# שושן־פּורים בײַ די באָבאָווער תּשסג

## אַלבערט ראָזענבלאַט

דעם פֿרילינג האָב איך באַשלאָסן בײַצוזײַן בײַ אַ פּורים־שפּיל אָנגעפֿירט דורך אַ חסידישער קהילה ווו עס זאָל נישט זײַן אין ניו־יאָרק. אַ באַקאַנטער, האָט מיר, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, דערמאָנט אַז ער איז בײַגעווען — מיט אַנדערע מיטגלידער פֿון דער יוגנטרוף־אָרגאַניזאַציע — בײַ אַזאַ פּורים־שפּיל. און ער האָט באַטאָנט אַז בײַ דער פֿאָרשטעלונג האָט מען געשפּילט אין גאַנצן אויף ייִדיש — יאָ, אויף אַ ריינעם ייִדיש. איך האָב געוואָלט עס באַשטעטיקן פֿאַר זיך אַליין.

נאָך פֿאַרשיידענע פֿראַגעס, האָב איך זיך דערוווּסט אַז די באָבאָווער חסידים, אין באָראָ־פּאַרק, פֿירן דורך די גרעסטע און בעסטע פּורים־שפּיל אין ניו־יאָרק. איך האָב ווײַטער געפֿאָרשט און האָב באַשטעטיקט דאָס אָרט פֿון דער באָבאָווער שול און די אַדרעסן פֿון צוויי ייִדישע האָטעלן אין דער געגנט.

שפּעט אין אָוונט, שושן־פּורים, בין איך אַרויסגעגאַנגען פֿון דער סאָבוויי־סטאַנציע אויף דער 50טער גאַס אין ברוקלין (די ״דאָבליו״־ליניע). די סאָבוויי דאָרט פֿאָרט שוין אין דער הייך; אַ בריק אויף וועלכער עס ציִען זיך די סאָבוויי־רעלסן האָט געוואָרפֿן אַ גרויסן שאָטן איבער דעם קרייצוועג. די געשעפֿטן האָבן אויסגעזען מיאוס און — אין זייערע פֿאַרשיידענע פֿאָרמען — האָבן געשאַפֿן פֿאַר די אויגן אַ כאַאָטיש בילד. די געגנט האָט ניט געהאַט קיין סימן־ייִדישקייט. עס האָט אויסגעזען ווי אַן אַלגעמיינער ברוקלינער געשעפֿטס־געגנט מיט דאָ און דאָרט אַ לאַטײַן־אַמעריקאַנישן סימן.

איך האָב באַשלאָסן צו שפּאַצירן דורך באָראָ־פּאַרק איידער איך גיי אין האָטעל. נאָך צוויי גאַסן האָב איך דערשפּירט אַז איך געפֿין זיך אין אַ ייִדישער געגנט. די הײַזער האָבן אויסגעזען באַלעבאַטיש און גוט אָפּגעהיט. פֿון די הײַזער האָב איך געהערט געזאַנג און עלעקטראָנישע מוזיק. אין עטלעכע פֿענצטער האָב איך געזען געדעקטע טישן מיט כּיבוד און מענטשן זיצנדיק אַרום. בײַ איינעם אַזאַ פֿענצטער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און דערזען אַ ייִנגל וואָס האָט זיך דערנענטערט צום פֿענצטער. דאָס קינד האָט אויסגעזען בלייך און אַ ביסל דעפֿאָרמירט און האָט צו מיר עפּעס געזאָגט וואָס איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען. ער האָט איבערגעחזרט וואָס ער האָט פֿריִער אַרויסגערעדט. כ׳האָב אים נאָך אַ מאָל ניט פֿאַרשטאַנען. ענדלעך האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז ער זאָגט ״צעדוקע״, ״צעדוקע״ (מיט אַ וואָוו). האָב איך אים געגעבן אַ מטבעה.

אָנגעטאָן אין אַ קאָנסערוואַטיוון ווינטער־מאַנטל און טראָגנדיק אַ שוואַרצן הוט, בין איך אַ פּאָר מינוטן געשטאַנען אויף דעם טראָטואַר קעגן איבער אַן אַנדער הויז ווו מען פֿירט נאָך אַ טיש. דער וואַליז איז ליגן געבליבן אויפֿן טראָטואַר. אומגעריכט איז אַ יונגער־מאַן צוגעקומען צו מיר, און האָט מיר מער ווי איין מאָל פֿאַרבעטן אַרײַנצוקומען אין שטוב.

״קומט מיט. ״ האָט ער מיר געהייסן.

״איך מוז ערשט גיין אין האָטעל.״ האָב איך געענטפֿערט.

״קומט מיט.״

״איך וועל צוריקקומען שפּעטער״.

״ניט שפּעטער, איצט. איצט.״

אַזוי האָבן מיר זיך געטענהט.

איך האָב איבערגעלאָזט מײַן גאַסטפֿרײַנדלעכן באַקאַנטן און בין ווײַטער געגאַנגען אין האָטעל, אַ מאָדערנער האָטעל ווו אַלע אַרבעטער זענען פּאָלאַקן. די קליענטן אָבער זענען אַלע געווען ייִדן, כאָטש ניט אַלע האָבן גערעדט ייִדיש. אַ פֿרומער ישׂראלדיקער איז געווען אַ ביסל צו פֿרײַנדלעך צו מיר און האָט מיר אויסגעפֿרעגט וועגן מײַן משפּחה־נאָמען

און איצטיקן ווינאָרט.

פֿון נײַגעריקייט, בין איך נאָך דעם געגאַנגען צו דעם צווייטן האָטעל (וואָס איך האָב ניט אויסגעקליבן). לעבן דעם האָטעל איז געווען אַ שול. אַרויסגעקומען פֿונעם הויפּט-אַרײַנגאַנג פֿון שול איז אַ מענטש אָנגעטאָן פֿרום אָבער ניט חסידיש. ער האָט מיר געענטפֿערט אויף אַ קלאָרן ייִדיש מײַנע אַ פּאָר שאלות. איך בין אַרײַן אין שול — געזען עלטערע מענטשן און קינדער — אָבער איך האָב באַשטעטיקט אַז שפּעטער אין אָוונט וועט ניט זײַן קיין פּורים-שפּיל. אויפֿן טראָטואַר האָט מיך אַרומגערינגלט אַ רעדל געזונטע און פֿריילעכע ייִנגלעך — עטלעכע אין מיליטער-קאָסטיום — וואָס האָבן פֿאַרלאַנגט צדקה. איינער האָט געזאָגט אַז דאָס געלט איז פֿאַר דער ישיבֿה ניט פֿאַר זיך אַליין. עטלעכע האַלטן אין דער האַנט אַ זשמעניע דאָלאַר-באַנקנאָטן. איך פּראָטעסטיר אַז איך האָב נאָר גרויסע באַנקנאָטן — אָבער אַן אַנדער ענטפֿערט אַז ער טראָגט גענוג איינסלעך כּדי אויסצובײַטן. דער זעלבער שלאָגט פֿאָר אַז ער קען זינגען אַ ליד אין פֿאַרדינסט. איך האָב מסכּים געווען. ער הייבט אָן צו זינגען אויף אַ הויכן קול און האָט מיר שיִער ניט פֿאַרצויבערט. איך שענק אים די צדקה און גיי ווײַטער.

אויפֿן וועג זע איך אַ פּאָר יונגע-לײַט. איינער ליגט אויפֿן פֿאָרנט-צודעק פֿון אַן אויטאָ, באַוועגנדיק אַרויף און אַראָפּ די פֿיס און שרײַענדיק "איך וויל ניט!"; "איך וויל ניט!". ער פּרוּווט זיך באַפֿרײַען פֿון זײַנע חבֿרים וואָס האַלטן אים צו אויפֿן אויטאָ. ער איז קענטיק שיכּור. די חבֿרים לאָזן אים אָפּ אָבער פֿאָרט באַגלייטן זיי אים ווײַטער.

איך געפֿין די באָבאָווער שיל, אַן אימפּאָזאַנטע געבײַדע מיט טרעפּ פֿון פֿאָרנט. אינעווייניק געפֿינט זיך אַ גרויסער זאַל. רייען בענק פֿאַרנעמען אַ טייל פֿונעם דיל אויף דרײַ זײַטן. אויף דער מזרח-זײַט איז דער אָרון-קודש. אַנטקעגן אים איז אַ הילצערנע בינע ווו מסתּמא וועט אויפֿגעפֿירט ווערן דאָס פּורים-שפּיל. אויבן אויף דער אַנטקעגנדיקער זײַט געפֿינט זיך הינטער גראַטעס די עזרת-נשים.

עס איז שוין נײַן אַ זייגער אין אָוונט און דאָס שפּיל האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן. ייִדן האָבן האַלב אָנגעפֿילט דעם זאַל. עטלעכע שטייען שוין אויף די בענק. אַנדערע שפּרינגען איבער אַ פּאָר בענק כּדי צו געפֿינען אַ שטיי-אָרט. אונטן בלײַבן שטיין מענטשן בשעת אַנדערע גייען זיך אַרום. פֿון צײַט צו צײַט הערט זיך דער טיטל "רעבּ..." קינדער און אַ פּאָר דערוואַקסענע גייען הין און צוריק בעטנדיק צדקה. יעדער האַלט אין דער האַנט אַ דיקע זשמעניע איין-דאָלאַרדיקע-באַנקנאָטן. איך גיב יעדן וואָס בעט מיר אַ דאָלאַר. זאָל דאָס געלט גיין אויף גוטע צוועקן!

די שפּיל הייבט זיך ענדלעך אָן. לײַדער ווערט געניצט די הילכער-סיסטעם. ווײַל ס'איז אַ גרויסער זאַל הער איך ניט אַלץ קלאָר דורך דער הילכער-סיסטעם און צוליב דעם (פֿאַר מיר אומגעוויינטלעכן) אַרויסרעד פֿאַרשטיי איך אויך ניט אַלץ. אַן אַקטיאָר אין טאָג-טעגלעכער קליידונג שטייט אויף דער בינע און דעקלאַמירט. דער רבי זיצט אַנטקעגן דער בינע. נאָך דעם קומען אַרויף אויף דער בינע אַנדערע אַקטיאָרן אין קאָסטיום. די אַקטיאָרן שטעלן פֿאָר פּרעזידענט בוש אין אַ גרויסן קאָוובוי-הוט, סאַדאַם כוסיין אין מיליטער-אוניפֿאָרם און קאַפֿיִיע, און די פֿאָרטרעטער פֿון פֿראַנקרײַך (דער ניין-זאָגער צווישן די שטענדיקע מיטגלידער פֿונעם זיכערקייט-ראַט), מדינת ישׂראל (וואָס ווערט פֿאַררופֿן אויסשליסלעך "ארץ-ישׂראל") און פֿון דער אַפֿריקאַנער מדינה, קאַמערון. הײַיאָר פֿירט מען אויף אַ חוזק וועגן די דעבאַטן די פֿאָריקע טעג אינעם זיכערקייט-ראַט פֿון דער פֿאַראייניקטע-פֿעלקער-אָרגאַניזאַציע וואָס באַהאַנדלען די פֿאָדערונג פֿון אַמעריקע מכּוח אַן אולטימאַטום צו איראַק. אַ פּאָר מוזיקערס באַגלייטן דאָס שפּיל מיט מוזיק און טעאַטראַלישע קלאַנגעפֿעקטן אויף אַ פּראָפֿעסיאָנעלן אופֿן. די אַקטיאָרן דעקלאַמירן און שפּילן טאַקע אויך פּראָפֿעסיאָנעל. מען זעט אַז ס'זענען געווען פֿריִערדיקע פּראָבעס. דאָס ייִדיש איז גאָר ייִדיש: איך הער נאָר צוויי ענגלישע ווערטער, די בוכשטאַבן "יו" "ען." און דאָס וואָרט "אינספּעקטאָר" ביידע אַרויסגערעדט אויף אַן ענגלישן אופֿן. די ישׂראלדיקע פֿאָן צווישן אַ פּאָר אַנדערע פֿענער שטייט אויף דעם טיש פֿונעם זיכערקייט-ראַט. אָבער מען באַמערקט אַז אין מיטן פֿאָן איז דאָ אַ לאָך — אַ דורכגעברענטע — וואָס האָט צעשטערט אַ טייל פֿונעם מאָגן-דוד. איך הער נישט גוט אָבער איך נעם אָן אַז הײַנט אין אָוונט קען אַלץ זײַן אַ צוועק פֿון חוזק: די אַקטיאָרן רעדן איצט וועגן "מענטשנפֿרעסערס" אָבער איך וווּנדער זיך אויף וועלכער מדינה אָדער אויף וועלכע מענטשן זיי פֿאַררופֿן זיך. איך ווייס ניט גענוי פֿאַר וועלכער זײַט מען נעמט זיך אָן אין די דעבאַטן (אין דער דרויסנדיקער וועלט), סײַ דער עולם סײַ די אַקטיאָרן. אפֿשר איז מען דאָ אומפּאָליטיש.

געענדיקט דאָס שפּיל, האָט זיך געשאַפֿן גלײַך אַ מענטשנשלאַנג וואָס האָט זיך גיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאַראַהאָד. די מענער הייבן אָן צו זינגען און צו טאַנצן אַרום דעם זאַל, די הענט אויף די פּלייצעס פֿון אַ צווייטן. איך באַמערק אַז עמעצער טראָגט די אויבן-דערמאָנטע באַשיידיקטע פֿאָן אין דער הייך. איך בלײַב שטיין. אָבער ווען דער קאַראַהאָד גייט מיר אַ צווייט מאָל פֿאַרבײַ , האָט איינער אין ראָד מיר האַרציק פֿאַרבעטן און איך האָב זיך אָנגעשלאָסן.

שוין אין דרויסן, גיי איך צו דער מונקאַטשער שול מיט אַ פּאָר גאַסן ווײַטער. די שול איז אַ קלענערע און דער זאַל

אויך. די שפּיל האָט זיך שפּעטער אָנגעהויבן בײַ זיי, דערפֿאַר האָט זיך די שפּיל בײַ זיי נאָך ניט געענדיקט. די בענק האָט מען אויפֿגעהויבן עטלעכע פּיס איבער דעם דיל. אָבער די בינע ווערט פֿאַרשטעלט דורך זיי. דערפֿאַר בלײַבט דער איינציקער אויפֿן עפּעס צו זען, זיך אַרויפֿצוקריכן אויף די בענק. דאָס מאַכן קינדער און יונגע מענטשן, פֿון צײַט צו צײַט מיט דער הילף פֿון אַנדערע וואָס שטייען שוין אויבן. די געפֿאַר אַראָפּצופֿאַלן בעת מען קריכט אַרויף אויף די בענק האָט די יונגע מענטשן ניט געקענט אָפּהאַלטן. איך הער אַלץ אָבער איך זע גאָרנישט. און איך האָב דעמאָלט בעסער פֿאַרשטאַנען, אפֿשר צוליב זייער אַן אַנדער אַרויסרעד. אויפֿן דיל גייען מענטשן הין און צוריק און שטויסן זיך אָן איינער אין דעם אַנדערן אָן אַן אַנטשולדיקונג. אָבער עס שטערט קיינעם ניט.

ס'איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. איך דאַרף באַשליסן צי איך זאָל בלײַבן און זען מער אָדער זאָל צוריקקערן אין האָטעל. אַנשטאָט דעם גיי איך צו דער סאַמע ערשטער שול אין וועלכער איך בין געווען. אַלץ איז דאָרט ליידיק. די גאַס איז שטיל. עטלעכע מענטשן גייען נאָך אַלץ אויף דער גאַס. איך גיי אַרײַן אין אַן אַנדער שטיבל ווו ס'הערט זיך נאָך זינגען. דער זאַל איז אָבער האַלב ליידיק. עס זעט אויס ווי דער סוף פֿון אַ שׂימחה. אַ בחור שטייט בײַ דער וואַנט אין מיליטער-קאָסטיום צווישן אַנדערע בחורים. איך הייב אָן רעדן מיט אים. אָבער ער ענטפֿערט מיר נאָר אויף ענגליש, דער ערשטע פֿאַל אין אָוונט וואָס עס געשעט. אפֿשר טראַכט ער, ״פֿאַר וואָס זאָל איך אָנטייל נעמען אין אַ מאַסקאַראַדע מיט אָט דעם פֿרעמדן? איך בין אויך אַ הי-געבוירענער.״ איך באַשליס צו גיין אין האָטעל.

דאָס הײַנטיקע שושן-פּורימדיקע גרימירן אויף דער זעלבער צײַט ווי די נײַעס, וועגן אַ זיך-אָנרוקנדיקער מלחמה, האָט פֿאַרשאַפֿט אין מיר אַ מאָדנע געפֿיל. ס'איז זייער שפּעט. אויפֿן וועג אין האָטעל, פֿרעג איך זיך, וואָס איז די אמתע וואָר? וואָס איז די מאַסקאַראַדע? דאָס פֿראַווען פֿון שושן-פּורים מיט קינדער אין זעלנערישע און קיניגלעכע קאָסטיומען; אָדער די פֿאָדערונגען אין דער פֿאַראייניקטע-פֿעלקער-אָרגאַניזאַציע מכוח אַן אולטימאַטום און די מלחמה וואָס רוקט זיך אָן? פֿאַר מיר, שטעלט מיט זיך פֿאָר די פֿריילעכקייט פֿון שושן-פּורים הײַיאָר די אמתע ווירקלעכקייט.